אוצר החכמה

# כי תבא

אין אָנהייב פון דער פרשה תבא איז דאָ דער אָנזאָג פון דער תורה וועגן דער מצוה פון ביכּורים. ווען די ייִדן זײַנען געקומען אין ארץ-ישׂראל און ס׳איז יעדן בן-ישׂראל צוגעטיילט געוואָרן אַ טייל פון איר באָדן, האָט דער ייִד געדאַרפט ברענגען ביכּורים פון די ערשטיק-רײַף געוואָרענע זיבן מיני פרוכטן, מיט וועלכע דאָס הייליקע לאַנד איז באַזונדערס אויסגעצייכנט און געלויבט. די ביכּורים פון זײַן גאָרטן האָט דער ייִד געדאַרפט אײַנפּאַקן אין קאָרבן און כּלים און אַוועקפירן אין ירושלים, אַרײַנברענגען מיט פּאַראַד און פּײַערלעכקייט אין אוצר החכמה 28/06/2018 דער עזרה פון בית-המקדש. דאָרט האָט ער די ביכּורים געדאַרפט איבערגעבן דעם כּהן, וואָס האָט עס אַוועק-געלייגט פאַר דעם מזבח — און דער ייִד האָט געדאַרפט זאָגן אַ גרויסן לויב-נוסח צום אויבערשטן, אָנהייבנדיק מיט דאַנקען פאַר די ג-טלעכע נסים און חסדים פון זינט יעקב אָבינוס אָנקום אין מצרים, דורך די טעג פון גלות-מצרים, ביז יציאת-מצרים און אַרײַנקום פון ייִדן אין ארץ-ישׂראל.

ווײַטער אין דער פרשה שטייט אין פּסוק: „היום הזה ה׳ אלקיך מצוך לעשׂות וגו׳ ושמרת ועשׂית אותם בכל לבבך ובכל נפשך״ — הײַנטיקן טאָג זאָגט דיר אָן דער אויבערשטער... און וועסט זיי היטן און טאָן מיטן גאַנצן האַרצן און נפש — וואָס דאָס באַציט זיך ווידער צו דער מצוה פון ביכּורים.

די ווערטער פון פּסוק „ושמרת ועשׂית אותם״ קען מען טײַטשן ווי אַן אָנזאָג: דו זאָלסט זיי היטן און טאָן; און מ׳קען זיי אויך טײַטשן ווי אַ צוזאָג, אַ ברכה: דו וועסט זיי היטן און טאָן. רשׁ״י אין זײַן פּירוש אויף די ווערטער „ושמרת ועשׂית״ פאַרטײַטשט זיי ניט ווי אַן אָנזאָג (ווײַל ס׳איז שוין פריִער געשטאַנען אַ לענגערער, אויספירלעכער און שטאַרקער אָנזאָג אויף ביכּורים), נאָר ווי אַ צוזאָג:

״בת קול מברכתו: הבאת ביכורים היום תשנה לשנה הבאה״ — אַז „ושמרת ועשׂית״ זײַנען ווערטער פון אַ הימלדיקן „בת-קול״, וואָס בענטשט דעם ביכּורים-ברענגער: דו האָסט געבראַכט ביכּורים הײַנט, וועסטו נאָכאַמאָל דאָס אָפּהיטן און טאָן דעם קומענדיקן יאָר.

הודפס מאתר אוצר החכמה tablet.otzar.org עמוד 198

שטעלן זיך אויף דעם אונדזערע תּורה-באַלייכטער און פרעגן:

ביי אַ סך מצוות געפינען מיר אין דער תּורה צוזאָגן, הבטחות וועגן גרויסע און גוטע באַלוינונגען פאַר דעם וואָס מ׳וועט זיי מקיים זיין. אָבער דאָ, ביי דער מצוה פון ביכּורים זעט מען אַ חידוש, אַ נייע גוטע דערשיינונג, וואָס מ׳געפינט ניט ביי די אַנדערע מצוות: ניט בלויז ווערט דאָ צוגעזאָגט דער גוטער שׂכר פאַר דער מצוה פון ביכּורים (אַז ער וועט זוכה זיין צו טאָן דאָס אויך איבעראַיאָר), נאָר דאָס קומט דורך דעם ווונדערלעכן אופן פון איבערגעבן די הבטחה דורך אַ „בת-קול״ – אַ הימלדיקן קול! עס מוז דאָך זיכער זיין אַ טעם פאַרוואָס בלויז ביי ביכּורים ווערט עס באַגלייט מיט אַזאַ ווונדער-צוזאָג.

לערנט אונדז תּורת החסידות, אַז די מצוה פון ביכּורים גופא האָט אין זיך אַ געווויסע אַנדערשקייט, אַן אויסגעטיילקייט אין דעם, וואָס אין איר ווערט שטאַרק אונטערשטראָכן דער ענין פון „מידה כּנגד מידה״ – פון צוריקצאָלן פאַר גוטסקייט, מיט דער זעלבער מאָס – גוטסקייט. און ווי מיר געפינען קלאָר אין די פּסוקים דעם טעם פון דער מצוה פון ביכּורים: ווייל דער אויבערשטער האָט מיט אונדז ייִדן געטאָן אַזוי פיל חסדים; ער האָט אונדז אַרויסגעצויגן פון מצרים מיט נסים און אונדז אַריינגעבראַכט אין אַן ארץ זבת חלב ודבש – דערפאַר צאָלן מיר צוריק „מידה כּנגד מידה״ און מיר ברענגען פון דעם ארץ-ישׂראל באָדן די ערשטע רייף-געוואָרענע פרוכט מיט ליבע און דאַנק צום אויבערשטן אין בית-המקדש. די ייִדן זיינען דורך השם יתברך אויסדערוויילט געוואָרן ווי „ראשית״, ווי דאָס ערשטע און עיקרדיקע אינעם גאַנצן באַשאַף – דערפאַר צאָלן ייִדן צוריק צום אויבערשטן מיט דער זעלבער מידה, מיט דער זעלבער מאָס: די „ראשית בּיכּורי אַדמתך״, דאָס ערשט-צייטיקע פון ייִדס פאַרמעגן הייליקן די ייִדן פאַר דעם אויבערשטן.

און מ׳קען זאָגן, אַז דערפאַר באַטאָנט רש״י אַז דער שׂכר פון דעם אויבערשטן פאַר דער מצוה פון ביכּורים איז אויך „מידה כּנגד מידה״. דער בת-קול פאַרזיכערט דעם ביכּורים-ברענגער, אַז ער וועט זוכה זיין איבעראַיאָר איבערצוחזרן נאָכאַמאָל די מצוה פון ברענגען ביכּורים; עס הייסט: די באַלוינונג איז ממש אין דער זעלבער מאָס און אין דער זעלבער זאַך ווי דאָס פאַר וואָס די באַלוינונג ווערט געגעבן.

און לויט דעם וועט אויך זיין פאַרשטענדלעך דאָס וואָס דווקא ביי דער מצוה

הודפס מאתר אוצר החכמה tablet.otzar.org עמוד 199

פון ביכּורים קומט דער באַלוינונג-צוזאָג דורך אַ בת-קול (וואָס מען געפינט ניט ביי אַנדערע מצוות): וויבאַלד אין דער מצוה פון ביכּורים דריקט זיך אויס די וויכטיקייט פון צאָלן און באַלוינען „מידה כּנגד מידה”, איז דערפאַר אויך דער צוזאָג פונעם שׂכר אויפן שטייגער פון „מידה כּנגד מידה”. דהיינו: אַזוי ווי די מצוה פון ביכּורים באַשטייט ניט בלויז פון פאַקטישן פירן און ברענגען די ביכּורים, נאָר דער ברענגער האָט דערביי אויך געלאָזט הערן זיין קול און געזאָגט דעם לויב- און דאַנק-נוסח פון פרשת ביכּורים אין דער תּורה — איז אַזוי די „מידה כּנגד מידה” אויך דאָ אינעם אופן ווי מ׳זאָגט צו דעם שׂכר פאַר די ביכּורים — מיט אַ „בת-קול” וואָס לאָזט הערן די גוטע הבטחה אויף איבעראַיאָר.

* * *

נאָכדעם ווי דער פּסוק זאָגט אָן (אין דער פרשה) ווי אַזוי די יידן דאַרפן ברענגען די ביכּורים אין ירושלים און אַריינטראָגן אין דער עזרה פון בית-המקדש, און אַז דער כּהן נעמט דעם ביכּורים-קאָרב פונעם ייִד און לייגט עס אַוועק פאַרן מזבח, שטייט ווייטער אין דער פרשה: „וענית ואמרת לפני ה׳ אלקך וגו׳” — (די תּורה זאָגט צום ביכּורים-ברענגער) דו זאָלסט ענטפערן און זאָגן פאַר השם דיין ג-ט וואָס עס שטייט ווייטער אין דעם גאַנצן לויב- און דאַנק-נוסח.

פרעגן מפרשים: וואָס מיינט דאָס וואָרט „וענית” — דו זאָלסט ענטפערן, אויף וואָס ענטפערן און וועמען ענטפערן? מיר געפינען ניט אין די פּסוקים, אַז עמעצער זאָל פריִער עפּעס פרעגן!

און אונדזערע חכמים ז״ל דערקלערן, אַז דאָס איז טאַקע ניט קיין ענטפער אויף עמעצנס אַ פראַגע אָדער אַ קשיא; דאָס איז אייגנטלעך אַן ענטפער אויף דעם וואָס דער ביכּורים-ברענגער (ווי אויך יעדער ייִד) קען פרעגן פאַר זיך אַליין:

וויבאַלד מ׳ברענגט די ביכּורים אין ג-טלעכן מקום-קדוש און מ׳גיט עס איבער די כּהנים, וועלכע ווערן דאָרט געשפּייזט פון ג-טלעכן טיש, קענסטו מיינען (און זיך וווּנדערן): זאָל עס הייסן, אַז דער אויבערשטער כּביכול נייטיקט זיך כּאילו אין דיינע פּרוכטן... און נאָך אַ שאלה קענסטו פרעגן: יעדנפאַלס ברענג איך דאָך אַ גאַנץ קליינעם קוואַנטום פּרוכטן — אַ הענגל וויינטרויבן, אַביסל פייגן א״אַ

הודפס מאתר אוצר החכמה tablet.otzar.org עמוד 200

פון די זיבן סאָרטן פירות און תבואה – און אָט דעם קליינעם פירות-״באַגאַזש״ דאַרף איך שלעפּן אַזאַ לאַנגן און שווערן מהלך, פון מײַן שטעטל אָדער דערפל ערגעץ ווײַט אַוועק אין ארץ-ישׂראל ביז ירושלים?! און אויך פאַרוואָס דאַרפן די ביכּורים באַשטיין דווקא פון די זיבן מינים, מיט וועלכע ארץ-ישׂראל ווערט געלויבט? אויב שוין יאָ ברענגען – איז זאָל שוין זײַן מיט אַ ברייטער האַנט – זעק מיט שפּײַז! זאָלן די כּהנים האָבן מיט וואָס צו טיילן זיך!

28/06/2018אוחח

זאָגט די תּורה: „וענית ואמרת...״ דו אַליין זאָלסט זיך ענטפערן און זאָגן דאָס וואָס שטייט ווײַטער אינעם לויב-נוסח. דאָרט ווערט דערקלערט, אַז די הויפּטזאַך אין דער מצוה פון ביכּורים איז די אָנערקענונג און דאַנקבאַרשאַפט צום אויבערשטן, וואָס ער האָט אונדז געגעבן דאָס הייליקע לאַנד ארץ-ישׂראל – נאָכדעם ווי ער האָט אונדז אויסגעלייזט פון גלות-מצרים דורך נסים און נפלאות, האָט ער אונדז אַרײַנגעפירט אין אַן „ארץ זבת חלב ודבש״, אַ לאַנד ווו ס׳רינט האָניק און מילך. דערפאַר ברענגען מיר ביכּורים פון די פּרוכטן פון דעם לאַנד, ווי אַן אָנערקענונג און טיפן דאַנק פאַרן לאַנד. און דערפאַר קומען די ביכּורים דווקא פון די זיבן מינים וואָס דווקא ארץ-ישׂראל ווערט געלויבט מיט זיי; און דערפאַר איז דאָ ניט נייטיק די גרויסע מאָס און וואָג פון ביכּורים, נאָר דאָס דאַנק-געפיל וואָס ווערט ווי געהעריק אויסגעדריקט דווקא דורך דער טירחא און באַמיִונג צו ברענגען זיי צום אויבערשטן אין בית-המקדש. וואָרעם יעדער איינער פאַרשטייט, אַז דער דאַנק און לויב, בלויז אין ווערטער, איז ווײַט ניט דאָס זעלבע ווי אויסדריקן די דאַנק-ווערטער נאָכן פירן די פירות דעם גאַנצן וועג מיט פײַערלעכקייט אין הייליקסטן אָרט. פון דאָרטן קלינגען אָפּ די ווערטער פון האַרצן אַ סך טיפער און העכער.

הודפס מאתר אוצר החכמה tablet.otzar.org עמוד 201